פולע טאבעל־ע פון דער מלוכה־לאטעריע זעה 7־טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

היינט 8 זייטען

פרייז 20 גראשען.

# נייער פאלקסבלאט

№ 80 | Łódź, Czwartek 3 kwietnia 1930. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ה׳ ניסן תר״צ | № 80

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224־71

# גרויסער צענטראלער וואהל־בלאק

## ווערט געפלאנט צו די נייע סיים־וואהלען

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קא־רעספאנדענט) דער געשפרעך פון היינטיגען טאג אין סיים, איז געווען די נעכטיגע ערקלערונג פון פרעמיער סלאוועק. אין שייכות מיט׳ן פרעמיערס נעכטיגע ערקלערונג קומען פאר בעראטונגען פון די פיהרער פון די סיים־קלובען, אויף וועלכער עס ווערט בעטראכט די פראגע וועגען דער עווענטו־עלער פונאנדערלאזונג פון סיים. ווי מען שמועסט ווערט געפלאנט צו שאפען צו קומענדיגע סיים־וואהלען א צענטראלען וואהל־בלאק, וואס זאל ארומנעמען דעם גאנצען צענטראלעוו, ד. ה. אלע פארטייען פון לינקס ביז צום צענטער.

אלע גרופירונגען מאכען שוין די נויטיגע פארברייטונגען צו די קומענדיגע וואהלען, ווייל מען רעכענט זיך מיט דער מעגליכקייט, דאס דער סיים זאל נאך אין מאי פונאנדערגעלאזט ווערען.

## אונטערהאנדלונגען וועגען א גרויסע אויסלענדישע הלואה

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קא־רעספאנדענט). ווי מען גיט איבער פון רעגירונגס־קרייזען האלט שוין די געפלאנטע הלואה פון 25 מיליאן דאלאר פאר׳ן שוועבעלעך־מאנאפאל ביים רעאליזירט ווערען.

א חוץ דעם ווערען געפיהרט שטארקע אונ־טערהאנדלונגען מיט אויסלענדישע פינאנץ־קאנצערן וועגען א גרויסע הלואה.

## פרעמיער סלאוועק מיט א וויזיט

### ביים סיים מארשאלעק דאשינסקי

וו א ר ש א, 2. (טעלעפאניש פון אונזער סיים־קארעספאנדענט). היינט 11 א זייגער איז רעה נעווענער פרעמיער בארטעל געקומען צום סיים־מארשאלעק מיט א געזעגענונגס־וויזיט.

ארום האלב איינס א זייגער האט פרעמיער סלאוועק בעזוכט דעם סיים־מארשאלעק דאשינסקי דערנאך איז דער פרעמיער אוועק צום סענאט־מאר־שאלעק שימאנסקי.

וויכטיג נייעס!!

מצות

די בעסטע, פיינסטע, דינסטע

ווערען אויסגעבאקען אין דער היגיענישער און כשר׳ער זייט לאנגע יאהרען בעוואוסטער

בעקעריי פאמארסקא 56 (—רוג— טארגאווא)

פינקטליכע און רעעלע בעהאנדלונג.

די בעקעריי געפינט זיך אונטער דער שטרענגער השגחה פון לאדזער רבינאט.

מיט אכטונג בעקער־מייסטער צווייליך און קופערמיכ׳ע

בעמערקונג: קיין פיליעס בעזיצען מיר נישט.

Dr. med. ALBERT GOTLIEB

Piotrkowska 26, tel. 177-50

אקושער און ספעציאליסט פון פרויען־קראנקהייטען

נעהמט אן אין דערהיים פון 3–6 אווענד און אין לעטשניצע „Vita" פיעטריק. 45

ענטשולדיגונג

דערמיט בעט איך ענטשולדיגונג ביי ה׳ ארון פרידריך, קילינסקיעגא 63 פאר די בעליידיגונג, וואס איך האב ארויסגעזאגט אין אנ׳ או פגערעגטען צושטאנד. מיט אכטונג

אבע וואלפאוויטש

ווסכאדניא 39

די גרעסטע סענסאציע

פאר דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג

זענען די

מאשין־מצות

וואס ווערען אויסגעבאקען פון דער בעוואוסטער

צוקערניע נח ווינבערג

38 פיעטריקאווער 38, טעל. 143־82

די בעקעריי איז איינגעארדענט מיט דער טעכניק און היגיענע. די מצות זענען געבאקען פון דעם שענסטען מעהל און זענען בעוואוסט מיט זייער פיינעם געשמאק און גוטסקייט.

דאס איז די איינציגע מצה־בעקעריי אין לאדז, וואס געפינט זיך אונטער דער שטרענגסטער השגחה פון יאנאווער רב שליט״א דפה לאדז. די מצות זענען כשר אפילו למהדרין מן המהדרין.

בעמערקונג: יעדע ארט בעשטעלונג ווערט אפגעשיקט א היים. מ׳בעט די בעשטעלונגען וואס פריהער אויפצוגעבען, כדי צו קענען דאס ג׳ פובליקום צופרידענצושטעלען.

מיט אכטונג נח ווינבערג

38 פיעטריקאווער 38, טעל. 143 82

לעכער מאשינאווע

ווערען אנגענומען אויסצו־נייהען צו ביליגע פרייזען ביי ג. נארדמאן

זגיערסקא 9

מצות

שעהנע דינע כשר׳ע געשמאקפולע

בעקומט מען אין דער זייט 50 יאהר בעוואוסטער היגיענישער בעקעריי פון

יצחק מאיר פאקולא, אגראדאווא 3

ברכותי הכי חמות למזכיר הקה״ה העברית בלודז

מר פנחס נדל

ליובל העשר שלו.

בעבודתך זו, עבודה הקהלה העברית בגלותנו, לך והצלך וראה פרי כרצונך וכרצון וכל אחב״י.

מאגיסטר שלמה גוביז.

דער פסח

איז שוין פאר דער טיר!

וואס האט איהר געטון, כדי צו רעקלאמירען אייערע פסח־ארטיקלען?

גוט פערקויפען

וועט איהר אייער סחורה, אויב איהר וועט זיך רעקלאמירען אין

„נייעס פאלקסבלאט"

בעשטעלט תיכף

אייער אנאנס

אין „נייעס פאלקסבלאט"

אנאנסען ווערען אנגענומען היינט א גאנצען מעת לעת

אין אדמיניסטר. פיעטרי־קאווער 21, טעל. 224־71.

נאך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 50 יאהר מיין ליבע פרוי, מיין טייערע און אונפער־געסליכע מוטער, שוועסטער און טאנטע

יוטע חיי׳ בת ר׳ אברהם בער יאקובאוויטש נ״י מסטריקאו ברומער נ״ע

די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, 12 א זייגער בייטאג פון פאזנאנסקי׳ס שפיטאל, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 58 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער ליבער פאטער, גרויספאטער און שוויגערפאטער

ג. ע. דוב בער מייזעל

די לויה קומט פאר היינט 2 א זייגער מיטאג פון טרוי־ער־הויז נאווא־צעגעלניאנא 33.

די טיפטרויענדע פאמיליע.

בעקאנטמאכונג

די געשעפטען „ארקאדיא" פיעטריקאווער 121 און פיעטריקאווער 35 זענען דאס אייגענטום פון

יאן טרושקאווסקי

און די פירמע „ארקאדיא" איז נור צוליב אויסשליסליכע רעקלאמע־צוועקען.

פירמע „ארקאדיא"

אגראדאווא 13

